מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א
• גיליון ס"ח - פר' וישלח תשפ"א •

## די נקודה פון יעקב מיט עשיו

פרשת וישלח טרעפט מען א מוירעדיגע זאך, די מלחמה פון יעקב מיט די מלאך פון עשיו, אין די נקודה פון יעקב מיט עשיו. באמת, לאמיר זיך מתבונן זיין וואס איז באמת דארטן געווען? אויף וואס איז געווען די מלחמה? עשיו איז נישט געווען קיין 'קטלא קניא' ער איז נישט געווען קיין קליין קינד. און ס'האט זיך דארטן געפירט א טיפע מלחמה, וואס האט דאס שייכות מיט אונז עד היום הזה? ווי אזוי האט ער געפירט די מלחמה? און אויף וואס איז ער לוחם? וואס איז ארויסגעקומען? וואס טוט זיך דא?

### וואס וויל עשיו מיט די גאנצע מלחמה?

עשיו האט געוואוסט זייער גוט, די בכורה וואס ער האט פארקויפט - איז פארקויפט. די ברכות וואס יעקב האט באקומען - האט ער באקומען. ער האט זיך נישט איינגערעדט, ער האט געוואוסט זייער גוט וואס האט דא פאסירט, און ער האט געוואוסט אז ער קען דאס נישט משנה זיין, די זאך איז די זאך... איז וואס קומט ער לוחם זיין? וואס וויל ער יעצט? און וואס וועט ער האבן פון די גאנצע מלחמה? איז לאמיר א ביסל אריינגיין, ווי אזוי האט ער געפירט די מלחמה? און לויט דעם וועט מען וויסן, וואס האט ער געוואלט.

### ער קען נאר איין זאך - צישטערן

ס'איז דא אזא זאך - די זאך איז קיים, איך קען דאס נישט אויפעסן, איך קען דאס נישט צונעמען, איך קען דאס נישט קאליע מאכן. איך קען נאר איין זאך, צישטערן די זאך. א איד - די מינוט וואס ער איז א איד, מ'קען עם נישט מאכן אויס איד. ס'איז נישט דא אזא זאך. מיר טרעפן רח"ל, אפילו בצד הקליפה רופט מען דאס "חיל בלע ויקיאנו מבטנו יורישנו קל" אז די קליפה איז עפעס בולע, בליעה הייסט גאנצערהייט, ער קען עם נישט צונעמען. און אונז בעטן ער זאל דאס אונז צוריק אויסשפייען, אויסברעכן - דאס דער טייטש אז אונז וועלן ווייטער ארויס קומען גאנץ.

### עשיו איז געקומען שטערן "בדרך" "אונטערוועגנס"

נישט דא אזא זאך, טשעפען די נקודה פון 'איד', דארטן קען מען נישט טשעפען. איז דאס האט עשיו געוואלט, איז ווי איז ער געקומען? ער איז געקומען אין א צייט, וואס רופט זיך "בדרך". "אונטערוועגנס", נאך מער, למעשה דער לשון אין נביא איז "ויברח יעקב", א מענטש ווען ער איז אויפן וועג - ער איז נישט אין שטוב, אין שטוב איז זיין ישוב. און ווען ער איז נאך נישט אויפן פלאץ וואס ער דארף אנקומען ער איז נישט 'מיושב', ער איז נישט צוזאמגענומען.

וועגן דעם, איז אליפז געקומען אויפן וועג, עשיו איז געקומען אויפן וועג, דער מלאך פון עשיו איז געקומען אויפן וועג, עמלק - וואס דאס איז דער גאנצע עשיו, איז "בדרך". [אשר קרך בדרך]

און טאמער מ'וועט דאס נאך רופן "ויברח", ווען איינער אנטלויפט איז ער אפילו נישט אויף זיין 'דרך', דער ערשטע זאך איז ער נישט דא. ווען איינער אנטלויפט איז נישט דער טייטש אז ער ווייסט צו ווי וויל ער אנקומען. די ערשטע זאך נישט זיין דא, דאס איז נאך א שוואכערע זאך ווי "בדרך", דער מענטש איז בכלל נישט 'מיושב'.

### עשיו קומט זיך קריגן. ווען א מענטש איז שוואך

למעשה, די נקודה וואס עשיו קומט זיך קריגן. איז די מינוט וואס א מענטש איז שוואך, ער וויל עהם באווייזן און עהם אריינברענגען אין א מצב פון א שוואכקייט. דערפאר טרעפן מיר,"ויגע בכף ירך יעקב" וואס דאס איז דער מושג: ווייל א ירך הייסט אויכעט א בחינה פון רגלים, דער מענטש גייט, ער שטייט נישט, דאס הייסט דער מענטש איז נישט 'מיושב'דיג,

דאס קומט אויס, איז דער נקודה פון די מלחמת עשיו, - דער עמלק - מיט יעקב, דאס איז דער מענטש. מ'קומט עם ווייזן, אה, "נחשלים אחריך", דו ביסט א שוואכער. ער זאל נישט מעריך זיין ריכטיג זיין 'עבודת ה'', עהם גוט צומישן, און עם נישט לאזן זיך אוועקשטעלן.

קומט אויס, אז דאס פונקט דארף מען געדענקען, אז די מלחמה ביז ווען משיח וועט קומען - 'מלחמת עמלק', איז אין די

צומישטקייט, דארף מען געדענקען נישט צופארלירן דעם אויבערשט'ן.

### *כאפ זיך אן אין דיין יא!*

אסאך מאהל, קען מען טרעפן א מענטש וואס זאגט: 'איך בין נישט קיין צוזאמגענומענער'. איז וואס איז דער טייטש, אויב דו ביסט נישט קיין צוזאמגענומענער דארפ'סטו נישט דינען דעם אויבערשט'ן?! די ווערטער פון דאווענען - קענסטו זאגן?! קענסט טאקע נישט מכוון זיין אלע ווערטער... אבער ווייס אז דו האסט יעצט געדאווענט די ווערטער פון דאווענען! כאפ זיך אן אין דיין יא! כאפ זיך נישט אן אין דיין צומישקייט, נאר כאפ זיך אן אין וואס ס'איז יא - און פון דארטן דין דעם אויבערשט'ן, פון דארטן טרעף דעם קשר. נישט אז עמלק זאל דיר קומען און זאגן, 'ביסט שוואך', נישט דעם אנבלאזן און מאכן אן עסק פון דיין "ניין" - און דארך דעם זאל ער דיר מכשיל זיין נאכאמאהל. דיר אראפווארפן - ניין! ריכטיג, איך בין צומישט. ריכטיג, איך בין 'בדרך'. אף על פי כן, דין איך ווייטער דעם אויבערשט'ן, מיט די כלים וואס איך קען דינען 'בדרך'.

### *א 'הולך דרכים' דארף טוען ווינציגער - ניין!*

די וועלט זאגט, אז א מענטש אויף'ן וועג איז ער א 'האלבע איד' רח"ל. ער מאכט זיך כל מיני קולות מיט זאכן... פון ווי נעמט זיך דאס, דער מושג? אז א מענטש זאגט 'איך בין אינטערוועגנ'ס איז שוואכער דעם אידישקייט'? זיין 'מנחה' מעג זיין שוואכער...

באמת, ווען ס'איז דא אזא זאך "הולכי דרכים" - פטורים מן הסוכה, דער מענטש האט נישט 'ישוב הדעת' - ס'איז אמת, אבער ווען ער שטעלט זיך דאווענען מנחה - זאל ער נישט צוגיין מיט די הנחה - 'איך בין סיי ווי סיי א 'הולך דרכים' איז דארף איך ווינציגער - ניין! איך וועל אינזינען האבן די מקסימום וואס איך קען יעצט אינזינען האבן... איך קען יעצט אינזינען האבן אז איך שטיי פאר א מלך און איך רעד - האב איך שוין עפעס אינזינען געהאט. איך קען אינזינען האבן א ביסל ווערטער...'. אבער נישט צוגיין מיט א אפגעפרעגקייט - ווייל דער אפגעפרעגקייט אין 'דרך', דאס איז מלחמת עמלק.

### *האסט נישט געזאגט "יעלה ויבוא" - שטעל זיך אפ א מינוט,*

מ'וועט ברענגען א דוגמא: א איד האט געדאווענט ראש חודש שמונה עשרה, גישמאק א מנחה, ער דאוונט 5 מינוט שמונה עשרה, ווארט ביי ווארט. "שים שלום" געבט ער זיך א כאפ, 'אוי, איך האב נישט געזאגט "יעלה ויבוא"'... געבט ער א 'זאג אפ' א מנחה... שמונה עשרה... - ער שפירט אז ס'איז נאר א 'השלמה'דיגע שמונה עשרה'... דארף ער טראכטן: ס'איז דער זעלבער אויבערשטער, די זעלבער באשעפער, די זעלבע ווערטער, די זעלבע אויספוילן...

און פארקערט, אמאל האט נאך דער מענטש א לב נשבר. א בשר ודם - מ'קען פארגעסן. מ'שטעלט זיך דאווענען. א וודאי, מיר טרעפן אז ווען א איד דארף דאווענען צוויי שמונה עשרה'ס, דארף ער ווארטן צווישן איין שמו"ע מיט דעם צווייטן, כדי "שתתחונן דעתו עליו", אזוי איז דער לשון. ער דארף צוזאמנעמען דער מוח. 'בסדר, האסט געכאפט, אז דו האסט נישט געזאגט "יעלה ויבוא" - שטעל זיך אפ א מינוט, רוה אפ דיין מוח, און הייב אן נאכאמאל די זעלבע שמונה עשרה... - נאר ער איז 'בדרך', דער בעל דבר קומט צום מענטש און ער זאגט עם, 'ביסט אינטערוועגנ'ס', ער געבט עהם א צומיש.

### *נישט פארלירן דעם ישוב הדעת.*

און דאס איז איינע פון די עבודות, און דוקא א שווערע עבודה, מ'וועט דאס אפילו רופן "מלחמת עמלק", וואס אונז דארפן נאכאנאנד אכטונג געבן, נישט צו זיין צומישט, און נישט צו פארלירן דעם ישוב הדעת. אלע מאל דארף מען ישוב הדעת, אוו מען קען זיך מתבונן זיין, איך בין יעצט 'בדרך', איך בין נישט מיושב - ריכטיג, אמאהל דארף מען דאווענען א מעריב אין א האל פון א חתונה, אמאל דארף ער דאווענען אין א פלאץ וואס ער האט נישט זיינע ד' אמות... ס'איז נישט קיין שול - ס'איז טאקע נישט קיין שול, ס'איז טאקע 'בדרך', איך האב נישט קיין סידור אין האנט - אבער, אף על פי כן, איך דין דעם אויבערשט'ן מיט די כלים וואס איך האב יעצט, די מינוט. נישט ווייל איך האב נישט מיינע הינדערט פראצענטיגע כלים, איז דאס שוין סיי ווי סיי גארנישט. ניין ! ס'איז נישט גארנישט, ס'איז גאר חשוב און דאס איז נישט נאר אין א דאווענען, אדער און לערנען...

### *וואס מען טוט, טוען מיטן גאנצען חיות*

א מענטש גייט אנקויפן א שבת אין גרוסערי - ער טוט די מצווה, אפילו ס'איז א גרוסערי, ס'איז א באלאגן... אלעס איז גוט און וואויל און פיין - איך טוה יעצט א מצווה, זיך נישט שפירן 'בדרך' אז דער בעל דבר זאל קענען מכשיל זיין דעם אידן. נאר וואס מען טוט, טוען מיטן גאנצען ברען, מיטן גישמאקע שמירת עיניים, און יעדער זאך זאגט ער "לכבוד שבת קודש" און ס'איז חל אויף דעם א קדושה. און אפילו ווען ער גייט קויפן אויף אינמיטן וואך, ער דארף האדעווען קינדער, ער דארף אויפבויען א אידישע שטוב. די אלע פרטי פרטים, נישט דאס מאכן בצורה פון "ויזנב בך כל הנחשלים אחריך", דער ענין פון 'בדרך'.

וויסן ביי זיך קלאר, איך בין טאקע 'בדרך', און אף על פי כן, איך דין דעם אויבערשט'ן מיט'ן גאנצע קלארקייט, נישט פארלירן דעם קאפ.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מ'זאל לעבן ריכטיג אין די נקודה.

ברוך ה', "חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו", מיר האלטן בס"ד פאר חתונה מאכן דעם זון ראובן ני"ו.

מ'וועט אנהייבן, א ביסל בתור הקדמה רעדן נקודות ארום די חתונה:

### מנהגי ישראל, פון שבת אופרוף

ס'איז ידוע, דער מנהג ישראל, שבת פארן חתונה, שבת אופרוף, אויף דעם שבת איז דא אסאך מנהגים. א מנהג מ'באזינגט דעם חתן, ער באקומט אן עליה לתורה, מ'ווארפט אויף עהם גוטע זאכן, און דער עולם ווינטשט ברכות.

ב"ה יעדער איד, דורכן יאר גייט אסאך מאל צי צו א אופרוף. וואס קומט דארט פאר? וואס איז דאס א אופרוף? פון ווי איז דער שורש פון די מנהג? מיר ווייסן ווי ווייט און ווי גרויס זענען די ענינים וואס ליגט אין די מנהג ישראל?

### דער מקור פון די מנהג שטאמט נאך פון שלמה המלך

דער מקור פון די מנהג איז: ס'איז דא א מסכת סופרים סוף פרק י"ט, און די זעלבע זאך אין פרקי דר' אליעזר, סוף פרק י"ז. רעדט ער דארטן, אז שלמה המלך ע"ה האט געזען אז מידת גמילות חסדים איז "גדולה לפני המקום". שטייט דארטן די המשך "כשבנה ביהמ"ק", ווען ער האט געבויט די ביהמ"ק - "בנה שני שערים, אחת לחתנים ואחת לאבלים". ער האט אוועק גישטעלט צוויי טויערן, איינער וואס דארטן גיין אריין חתנים, און איינער וואס דארטן גיין אריין אבלים.

"והיו ישראל הולכים בשבתות ויושבים בין שני השערים הללו", מ'איז געזעצן דארטן כלל ישראל וואס זענען געקומען אין ביהמ"ק זענען געזעצן צווישן די צוויי טויערן. "והנכנס בשער החתנים" - ווער ס'איז אריין, "היו יודעים שהוא חתן והיו אומרים לו מי ששכן שמו בבית זה, ישמחך בבנים ובבנות וכו'".

### אין ביהמ"ק מוז זיין חסד

שלמה המלך בויעט א ביהמ"ק, אין ביהמ"ק מוז זיין חסד - אן חסד עקזיסטירט נישט גארנישט "כי אמרתי עולם חסד יבנה". דער ביהמ"ק איז דער שורש פון די וועלט, שורש רוחני, אבן השתיה "שם הושתת העולם" פון דארט איז געשטעלט געווארן די וועלט. און ער שטעלט אוועק צוויי טויערן, און למעשה מ'ווינטשט דארט שבת פאר די חתנים "מי ששכן שמו בבית הזה" - זאל דיר געבן בנים ובנות.

"משחרב ביהמ"ק התקינו שיהיו חתנים ואבלים הולכים לבתי כנסיות ובתי מדרשות ואנשי המקום רואים את החתן ומשמחים עמו וכו'". ס'פרעגט זיך א מוירעדיגע קושיא - א חתן, אידן, מ'קומט אין ביהמ"ק, בארן אייבישטער אליין - פעלט נאך דארט ברכות פון אידן?!

### די כח פון כלל ישראל, דאס געבעט כח פאר חתן וכלה

נאר דער יסוד פון דעם איז א מוירעדיגע יסוד, ווען מ'גייט בויען א אידישע שטוב, דארף מען וויסן, ס'קען אפילו זיין א ביהמ"ק - אבער מ'דארף צוקומען צו די נקודה פון ברכות פון כלל ישראל! דער כח פון כלל ישראל! וואס איז דאס א ברכה פון א איד? א ברכה פון א איד הייסט, אז מ'געבט די כוח פאר דעם חתן וכלה. מ'זאל קענען אנהייבן בויען נאך א בוים. אריינברענגען נאך א ביהמ"ק אויף די וועלט, אויפשטעלן נאך א בית ה'; נאך א ביהמ"ק זאל ווערן געבויט. און ס'זאל באקומען די כוח פון כלל ישראל, פאר דעם בנין וואס מ'גייט בויען.

ס'קומט אויס למעשה, מיר גיין דורכ'ן יאר אויף הינדערטער שמחות, און דורכ'ן לעבען גייט מען אויף טויזנטער טויזנטער שמחות. און אסאך מאל שטעלט זיך אויס: 'אוי, אין שטוב האט מען מיר געבעטן, איך מוז גיין'. דער איז שולדיג, יענער איז שולדיג, מ'גייט מיט א צורה של דיעבד.

מ'ווייסט אפילו נישט וואס מ'טוט, און מ'ווייסט נישט וואס פאר א מלאכת בונה פראוועט מען אין דעם שבת, וואס פאר א חלק אין כלל ישראל האט מען געבויט.

### גיין צו א שמחה מיט געשמאק געבן א ברכה 'מזל טוב'

אבער, ווען א מענטש וואלט געוווסט אז ווען ער גייט צו א שמחה און ער געבט א ברכה 'מזל טוב', און ער געבט צו זיין ווינטש. דאס איז דער יסוד פון כלל ישראל, און אויף דעם שטייט כלל ישראל וואלט זיך אנדערשט געגאנגען.

דער מציאות איז אז ביי קידושין, ווען מ'שטעלט א חופה מוז זיין א מנין, ס'דארף זיין אידן. ס'וואלט געווען גענוג צוויי עדים, מתקנת חז"ל נאר מ'קען נישט! צו בויען כלל ישראל, מוז מען צוקומען צו אידן.

### שלמה המלך: צובויען א אידישע שטוב מוז מען ברכות פון כלל ישראל.

און ביי שלמה המלך האט מען דאס שוין געזעהן, וואס ער גייט דאך ברענגען די שלימות "מלך שהשלום שלו". שלימות פון כלל ישראל איז אזוי ווי מיר זעהן "איתתקן סיהרא בשלימותא", ס'איז געווען די שענסטע צייט פון כלל ישראל. זייער גוט און וואויל און פיין - אבער אין די שענסטע מינוט וואס זעהט שלמה המלך אז מ'גייט בויען א אידישע שטוב מוז מען צוקומען צום כלל ישראל.

### זיך מיטפרייען אין בויען דעם המשך פון כלל ישראל

יעדער איד זאל זיך פרייען ווען ער גייט ווינטשן פאר א פאהר פאלק, מ'גייט בויען א אידישע שטוב זאל מען זיך פרייען אז ער גייט בויען, און אז ער האט א חלק אין דעם בויען דער המשך פון כלל ישראל.

דער אייבישטער זאל אונז העלפן, און יעדער איד וואס מאכט א שמחה זאל זעהן דעם אייבישטער'ס נחת וואס קומט ארויס פון די שמחה, און מ'זאל זוכה זיין בקרוב צו די "שמחת עולם על ראשם", דעם אייבישטער'ס אייביג'ע שמחה זאל נתגלה ווערן, און דעמאלץ וועט ווערן "קול אומרים הודו לה' צבקות".

# חיזוק יומי / ב

### מהשם מצעדי גבר

בהשגחה פרטית, ובהשגחה עליונה, האט מיר דער אויבערשטער אראפגעלייגט אין די טעג, אין ארצות הברית, אין אמעריקע. און מ'זעהט ברוך השם כסדר אסאך אינטערעסאנטע הנהגות הבורא.

בין הדברים, האט זיך מיר היינט אויסגעשטעלט, איך האב געזאגט פאר אידן א פשוט'ע פשוט'ע זאך, און דער איד קוקט מיר אן... און אינמיטן בייוויז איך עהם אז די 'קליינע פשוט'ע זאך' איז נישט אזוי פשוט...

### ידיעת הבורא

איך האב עם געזאגט, 'ווייסט, ס'איז דא א באשעפער'. האט ער אנגעהויבן לאכן, 'ווער מיינט אז ס'איז נישט דא קיין באשעפער?! אלע ווייסן דאך'.

איך האב עם געזאגט: 'דו ווייסט וואס האט דא פאסירט?! איך האב דיר געוואלט מזכה זיין מיט א זאך, וואס ס'קען זיין אז דאס איז מער ווי צינדן חנוכה לעכט, מער ווי מקרא מגילה, מער אפילו פון הדלקת נר שבת! עס איז זייער א גרויסע זאך.

### וואס איז?

אמאל, כאטש אונז זעהן נישט. אבער, אף על פי כן קען אמאל זיין, אז אמאל חזר'ן, גאר א פשוט'ע פשוט'ע נקודה קען זיין א דאורייתא, און צוברענגען צו אזא דבקות, און אזא מדריגה - שאין כדוגמתו.

### שש מצוות תמידיות

איך האב עהם געזאגט, וועגן די שש מצוות תמידיות: "אנוכי ה' אלוקיך", "לא יהיה לך", "ה' אלוקינו ה' אחד", "ואהבת", "את ה' אלוקיך תירא" און "לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" - די זעקס כסדר'דיגע מצוות זענען דא אלע דאורייתות.

איז ממילא ווען דו גייסט אמאל אין גאס, און דו געבסט א זאג "שמע ישראל ה' אלוקינו" - האסטו אויף איינמאהל מקיים גערוען צוויי מצוות, האסטו געמאכט ס'יי "ובלכתך בדרך", און האסט געמאכט א מצווה תמידית דאורייתא!. דורך חזר'ן די פשוט'ע זאך, און חזר'ן אז ס'איז דא א באשעפער. נישט נאר "עשה ועושה ויעשה לכל המעשים", נאר עצם די חזר'ן און געדענקען, אז ס'איז דא א באשעפער.

### געדענקען דעם אויבערשט'ן איז א דאורייתא

און אויב חנוכה לעכט איז א דרבנן, מקרא מגילה איז א דרבנן, נרות שבת איז א דרבנן. און געדענקען דעם אויבערשט'ן איז א **דאורייתא**, א מענטש טראכט אסאך מאהל, 'ווי קען איך האבן דביקות הבורא - איך בין אזוי ווייט... איך בין נישט דארט...' איך בין אהער איך בין אהין... דארף ער געדענקען אז מיט א קלייניקייט! וואס ער ווייסט דאס אפילו נישט צו שעצן, קען ער אין איין רגע, אנקומען צו אזא דבקות, ווייל מיט דעם וואס ער געבט זיך א וועק און געדענקט איינע פון די שש מצוות תמידיות - קומט ער אן אין אזא דבקות, אין אזא הויכע פלאץ, און ער דארף נישט ארבייטן אויף דעם! ער דארף נישט משקיע זיין! ער דארף נישט שרייען אויף דעם, ער דארף נישט בעטן פון א צווייטן, ער דארף נישט צוקומען צו א צווייטן! ער דארף פשוט, אויסדרייען דעם פנים צום אויבערשט'ן אויף א סעקונדע - און אפילו נישט בעטן, ס'איז אפילו נישט קיין תפילה.

### אין איין רגע, אזא דבקות

און דאס איז זיך געבן א חזר, זיך געבן א דערמאן - אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און מיט דעם ביסטו יעצט אין א דביקות פון א קיום המצווה דאורייתא, און דו געדענקסט דעם אויבערשט'ן.

און מיט א קלייניקייט, הייבט זיך א מענטש אויף אין אזעלכע דבקות, אזעלכע מדרגות, אזא שמחה. אין אזא נקודה וואס אן דעם ביסל תשומת לב האט ער דאס נישט, און בהיסח הדעת דערלייגט ער דאס.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מ'זאל דאס באמת לעבן, און זיין דבוק צום אויבערשט'ן.


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**